די צווייטע רשימה פון די זוכי-בגורל — זעה 2-טע זייט

היינט 10 זייטען

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראָשען

# נייער פאלקסבלאט

| № 203 | לאדז, מאנטאג י"ח אלול תרצ"א | נייַנטער יאהרגאנג | Łódź, Poniedziałek 31 sierpnia 1931 r. | № 203 |
|---|---|---|---|---|

אדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71 — Adres Redakcji i Administracji: **Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71.**


# מארגען-לויה פון דעפ. האלובקא

## דער רושם פונ'ם פאליטישען מארד אויף דעם מינדערהייטען-קאנגרעס

וואַרשאַ, 30. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט) מאָרגען ברענגט מען דעם טויטען קערפּער פון דעם דערמאָרדעטען דעפּוטאַט טאָדעוש האָלובקא פון טרוסקאַוויעץ קיין לעמבערג.

די לויה וועט פאָרקומען דינסטאג פון וואַרשאַ־ווער הויפּט־וואָקזאַל אויף דעם עוואַנגעלישען צמענטאַזש.

עס וועלען זיך אין איהר בעטייליגען די גאַנצע רעגירונג, „בעבע"־קלוב, פּרעזידענטור פון סיים און סענאַט, און פאָרשטעהער פון אַ רייהע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס.

עס איז היינט פאָרגעקומען די סעקציע פון טויטען קערפּער.

4 קוילען האָבען געשטעקט אין קאָפּ, און 2 אין האַלדז. דער טויט איז געקומען מאָמענטאַל.

זשענעווע, 30. (ספּ. טעל.) אויף דעם מינדערהייטען־קאָנגרעס האָט אַרויסגערופען אַ שטאַרקען רושם די ערמאָרדונג פון דעפּ. האלובקא.

### וואלדעמאראס פרייגעשפראכען

קאָוונע, 30. (ספּ. טעל.) וואַלדעמאַראַס איז געוואָרען פרייגעשפראכען.

נאָך 10 מיטבעשולדיגטע זענען אויך בעפרייט געוואָרען.

די איבעריגע זענען פערמשפט צו אַ דרייַ יאָהר און אַ יאָהר טורמע.

### דאס פערמעגען פון א געוועזענעם ליטווישען מיניסטער ווערט סעקוועסטירט

קאָוונע, 30. (ספּ. טעל.) דער העכסטער טריבונאַל האָט אַרויפגעלעגט אַן אַרעסט אויף דעם פערמעגען פונ'ם געוו. מיניסטער פעטרוליס, אין דעם ווערט פון 230,000 ליט.

דער געוו. מיניסטער פעטרוליס ווערט אָנגעקלאָגט אין מיסברויכען, וואָס ער איז בעגאַנגען בעת זיין אַמטירען.

איצט איז ער אויף דער פריי, און פאַר איהם ליגט איינגעלייגט אַ קויציע פון 200,000 ליט.

### די נייע עקזעקוטיווע וועט נישט פיהרען

### קיין פארטיי-פאליטיק, נאר א נאציאנאלע פאליטיק

ירושלים, 30. (יט"א טעלעגראַפיש).

ד"ר ארלאָזאָראָוו האט דאָ אָפּגעהאַלטען אַ פּרעסע־קאָנפערענץ.

צווישען אַנדערע'ן האָט ער ערקלערט, אַז די נייע עקזעקוטיווע וועט נישט פיהרען קיין פאַרטיי־פּאָליטיק, נאָר אַ נאַציאָנאַלע פּאָליטיק.

דער ענטוויקלונגס - פּלאַן וועט וואַהרשיינליך צווינגען ווידער אויפצונעמען אַ פערטיידיגונגס־קאַמף, און זיך בעמיהען צו דערפיהרען צו אַן אַראַבישע־יודישער פערשטענדיגונג.

——=:)O(:——

לארד סעסיל



דער פערטרעטער פון ענגלאנד אין פעלקער-בונד


## הזכרה.

מארגען, דינסטאג, דעם 1. סעפּטעמבער ד. י., 11 אַ זייגער פאַרמ.

צו דער ערשטער שמערצליכער יאָהרצייט קומט פאָר אויפ'ן בית החיים **אַ הזכרה** און די ענטהילונג פון דער **מצבה** פון אונזער אונפערגעסליכען מאַן, פאָטער און זוהן

## נ"ע אברהם הערש (ראמאז)

# שטשעקאטש

צו וועלכער אַלע קרובים, פריינד און בעקאַנטע ווערען געבעטען פינקטליך צו קומען.

**די פאמיליע.** 4872

## Komitet Synagogi przy Al. Kościuszki

niniejszym podaje do wiadomości, że

**wydzierżawienie miejsc na rok 1931/32**

odbywać się będzie w kancelarji Synagogi w porządku następującym:

a) 6 września od godz. 10 rano do 1 w południe i od 4 po poł. do wiecz.
b) 31 sierpnia, 1, 2, 3, 7, 8, 9, 10 września od godz. 4 — 8 wiecz.
c) 4 września od godz. 4 — 5 po poł.
d) 11 września od godz. 10 rano do godz. 1 w południe.

Osoby pragnące odnowić zeszłoroczną dzierżawę miejsc, zechcą zgłosić się do kancelarji Synagogi najpóźniej do niedzieli, dnia 6 września włącznie.

**Z powodu ścisłej kontroli w roku bieżącym, uprasza się o każdorazowe okazywanie biletów przy wejściu do Synagogi, gdyż osoby, nieposiadające biletów, bezwzględnie wpuszczane nie będą**

## וואָרנינג!

צוליב דעם, וואָס **חוה שווארץ** פון אלעקסאנדריסקא 5 יעצט פראַנציסקאַנער 30 איז אַ כלה מיט מיין זוהן **אברהם לעווין** און האָט בדעה חתונה צו האָבען מיט אַ צווייטען, **נישט האבענדיג דערצו קיין פטורים**, בעט איך אַלע דאָס אויביגע אין אַכט צו נעהמען און די מורה הוראות ווערען געוואָרענט נישט צו געבען קיין חופּה־קדושין.

מיט אכטונג **יעקב לייב לעווין**
**אלעקסאנדריסקא 5**

Dr. med.
**W. Eychner**
גינעקאָלאָג-אַקושער
**זגערזשער 11**
טעלעפאָן 134-72
נעמט אָן פון 3-4 נאָכמ.
און פון 7-9 אָוונד.

## א גרויסער פלאץ

אַרומגעצוימט איז ביליג צו פערדינגען.
צו ערפאַהרען קאָשטשעלנא 3
ביי גרינבוים

## 7-קלאסיגע רעליגיעזע לעהר-אנשטאלט

דאס לאַנג-עקזיסטירענדע און איבעראַל-בעוואוסטע

— עם —

## „בית אברהם" גן ילדים

## פון אברהם שלאמאוויטש

**לאדז, אגראדאווא 10**

טיילט מיט, אַז פון נייעם שול-יאָהר איז אונזער לעהר-אנשטאַלט בעדייטענד פערגרעסערט און פערברייטערט געוואָרען. עס זענען אנגאַזשירט געוואָרען צום נייעם שול-יאָהר די בעסטע פעדאַגאָגישע קרעפטען אין אַלע למודים. תלמידים ווערען נאָך איינגעשריבען אין אַלע קלאַסען, ווי אויך אין 6-טען און 7-טען קלאַס.

די למודים הויבען זיך אָן מאָרגען, דינסטאַג, דעם 1-טען וורושעשען, 8 אַ זייגער אין דער פריה. **די ליטונג.**

בעמ.: ביי דער שולע געפינט זיך אַ גן-ילדים (פרעבעל-שולע) און עס ווערען אָנגענומען קינדער פון 5 יאָהר אָן.

4868

## רעליגיעזע

## 8-קלאסיגע גימנאזיע

# „בית אלפנא"

**ציגעל-גאס 28 (פריהער 60)**

אָנמעלדונגען פון נייע שילער נעהמט אָן די קאנצעלאַריע טעגליך פון 10–1 פאַרמיטאָג.

**די דירעקציע.**

# Dr. med. H. NADEL

ספּעציאַליסט פאַר אינערליכע קראַנקהייטען

**פיעטריקאווער 17 טעל. 168-86**

## צוריקגעקעהרט

נעהמט אָן פון 4 – 6 נאָכמ.

## אין דער בעוואוסטער 7-קל. שולע

## פון ש. זשעלאנקא, פילסודסקיעגא 70

(וואָסכאָדניאַ) פראָנט, 1. שט.

ווערען אָנגענומען שילער פון 6 יאָהר אָן געגנצליך אָהן פאָרבערייטונג און ווערען גרינדליך צוגעגרייט אין אַלע היגע מיטעל-שולען. גרויס געוויכט ווערט געלייגט אויף די רעליגעזע און העברעאישע למודים. די שולע האָט דאָס יאָהר פערגרעסערט דאָס לאָקאַל, ווי אויך דאָס גאַנצע לעהרער-פערסאָנאַל, וועלכעס בעשטעהט פון ערשטקלאַסיגע פעדאַגאָגישע קרעפטען.

בעמערקונג: דורכגאַנג דורך פיעטריקאָווער 44 און 46.

איינשרייבונגען טעגליך אין קאנצעלאַריע פון 10–2 און פון 4–6 נ"מ

